איי״ה ביי אייך
בקרוב ממש
די ריכטיגע השתדלות צו אייער באשערטע

ציבור'ס פלאטפארמע, מיט נייעס, באריכטן, דעבאטעס, איבער די שידוכים לעזונג

די פרישע 'נאכנישט גרייט א כלה צו ווערן' באוועגונג

צו די חשוב'ע בקרוב ארגאניזאציע.

איך בין א מאמע פון א 18 יעריגע מיידל, א עווריטש מיידל ווי מ'רופט עס, און איך שפיר אז זי קען נאך ווערן אביסל ערוואקסן ביז זי ווערט א כלה - יעצט אזוי ווי זי שטייט און גייט איז זי לכאורה נאכנישט גרייט דערויף. איך האלט בשיטה אז זי דארף האבן נאך אביסל פון די רואיגע מיידעלישע יארן, אן קיין דאגות און פרעשור, און ס'איז נישט דא וואו זיך צו יאגן.

די זעלבע פארקערט, זי שפירט אויך אז זי וויל נאכנישט א כלה ווערן, סיי ווייל ס'איז דא צייט און וואו דארף מען לויפן כאפן א שידוך, און סיי ווייל זי האלט נישט ביים זיין די ערשטע כלה אין קלאס, און אויך נישט די צווייטע.

אבער אין די זעלבע צייט וואס איך מיט מיין טאכטער פארשטייען זיך דערמיט, זענען דא אנדערע וואס האלטן דאס נישט ביים פארשטיין - און דאס זענען די 'שדכנים'...

די טעלעפאון הערט נישט אויף קלינגען, דער שדכן רופט און יענער שדכן רופט, און איך בין זיי מסביר אז 'איך הער נאכנישט אויס', איך וויל אפילו נישט הערן קיין נאמען ווייל מיר הערן נישט קיין שידוכים. און מיר הערן טאקע נישט.

אפשר קענט איר אונז געבן א גוטע עצה ווי אזוי זיך מען קען אויפקלערן און געבן צו פארשטיין פאר די שדכנים אז עס איז א שאד זייער מיה, און מיר ווילן נאכנישט אויסהערן קיין שידוכים. עס שטערט אונז זייער שטארק די פילע טעלעפאון רופן, און נאכמער שטערט אונז אז נאכדעם וואס מיר האבן שוין געזאגט פאר א שדכן אז מיר הערן נישט אויס, רופן זיי נאכאמאל.

מיט דאנק און שעצונג, און מיט האפענונג פאר א גוטע ענטפער:

מרת ר. ג. לאנדא, לעיקוואוד.

חשוב'ע מאמע. איר האט געבעטן פון אונז אן עצה, אבער עס איז וויכטיג אז איר זאלט וויסן פריער אונזער שטעלונג אין דעם נושא.

אונזערע הייליגע חכמים זאגן אונז אז פערציג טאג בעפאר א קינד ווערט באשאפן, האט מען שוין אויסגערופן וואס איז די באשערטע שידוך, און אין וועלכע סעקונדע עס זאל פאסירן. גארנישט אין די וועלט קען נישט אפהאלטן א שידוך אין די סעקונדע וואס די באשערטע מינוט איז אנגעקומען, אבער גארנישט.

איר ווילט ווארטן? איר מעגט ווארטן, און איר מעגט ווארטן אויך, ביז ווען די ריכטיגע סיבה קומט אן. ווייל אפילו איר האט די בעסטע סיבה פארוואס נישט א כלה צו מאכן אייער טאכטער, מאכט דאס גארנישט אויס, און ס'האט גארנישט מיט אייך...

דער רבוש"ע האט שוין באשלאסן פונקטליך ווען אייער טאכטער וועט א כלה ווערן, און וויפיל מאל שדכנים וועלן אייך אנטראגן אנדערע שידוכים ביז די באשערטע קומט אן, און דערפאר פונקט ווי דער באשעפער האט אייך נישט געפרעגט בעפאר ער האט באשאפן דאס קינד, די זעלבע פרעגט ער נישט ווען זי זאל א כלה ווערן, נאר דאס וואס איז אנגעשריבן געווארן פון פריער - אקוראט דאס גייט פאסירן אי"ה, אין די ריכטיגע מינוט.

"איך הער נאכנישט אויס"... אויסערדעם וואס אזא זאך איז נאריש און זינלאז, וואס ווילט איר, אז דער שידוך זאל אראפפאלן פון דאך פלוצלינג, אן האבן אביסעלע אינפארמאציע פון פריער, און זיין צוגעגרייט און צוגערישט? די נישט אויסהערן איז טאקע נישט קיין דירעקטע כפירה, אבער יא א אומדירעקטע, און א שטארק לייכטזיניגע באשלוס.

לעצטנס איז טאקע געווארן א פרישע משוגעת, א באוועגונג פון "כ'בין נאכנישט גרייט א כלה צו ווערן"...

עס לאזט זיך נישט גלייבן ווי אזוי מיידלעך קענען ממש איבערקערן וועלטן און משוגע מאכן שטעט, ווייל זיי שפירן אז זיי ווילן נישט ווערן א כלה, און די מאמעס זעצן זיך נאך שיין אראפ נעבן זיי, און קלאצן אויפן דאך, זאגנדיג מיט גרויס אייפער "מיר הערן נישט אויס", און אזוי קנאקט מען אראפ די טעלעפאון פון איין שדכן נאכן צווייטן.

אפגערעדט פון די שרעקליכע שאדן וואס אזא זאך ברענגט צו, אז דער שדכן פארלירט די אפעטיט צו אנטראגן נאך שידוכים - סיי פאר אייך אין צייט וואס איר וועט זיך שוין בעטן אז איר ווילט הערן שידוכים - און סיי פאר אנדערע וועלכע זענען אויף זיין ליסטע.

איר האט נישט קיין אהנונג וואס עס מיינט פאר א שדכן ווען ער האט אנצוטראגן א שידוך אויף וואס ער האט שווער געארבעט צו אויפקומען דערמיט און עס גוט אויסגעארבעט, און ניטאמאל גיבט מען אים די געלעגנהייט צו זאגן א נאמען, נאר מ'קנאקט אים אראפ דעם טרייבל.

דערפאר, איז גוט צו וויסן נאכאמאל אז עס ליגט נישט אין אייערע הענט, ס'איז דא א ווארט וואס דער באשעפער גיבט פאר די עלטערן, וואס דאס איז די פריוויליגיע צו וויסן פאר יעדעם ווער זייער טאכטער'ס חתן גייט זיין, אויסער דעם האט עס מער גארנישט קיין שייכות.

אלזא, איר מאכט בלויז שווערער פאר זיך און פארן שדכן, און עס איז נישט אויסגעהאלטן. מען דארף זיך לאזן פירן פון אויבן, הערט אויס, קיינער זאגט נישט אז מ'מוז לויפן און כאפן די ערשטע שידוך, אבער מ'מעג הערן און זיך אביסל נאכפרעגן, און וויסן אז מ'איז אין דעם באשעפער'ס הענט, אנשטאט צו אראפקנאקן טעלעפאונס...

פאר סיי וועלכע קאמענטארן, פראגעס, געדאנקען, עצות, חיזוק, הדרכה וכדומה, קענט איר אריינרופן 'בקרוב', און מיר וועלן בעז"ה אדרעסירן אייער טעמע.

טעלעפאון: 845.351.0445 עקסטענשאן 8 | פאקס: 845.470.3092

בליץ-פאסט צו: shdchnm@gmail.com